בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת תולדות
שנה ד' - גליון קל"ה
עש"ק כ"ח חשון תשע"ב


הדלקת הנרות
4:16
זמן מוצאי שבת
5:43
סוף זמן קרי"ש 8:42

שבת ערב ראש חודש כסלו, דער מולד וועט זיין פרייטאג צונאכטס 36 מינוט מיט 16 חלקים נאך 6, ראש חודש איז זונטאג פ' ויצא

## פארגעשטעלט אין יעדע כיתה

**די וואך** איז געווען עפעס מורא'דיג!! אַהַ ווי זאל איך אנהייבן ? פון יעקב און עשו האבן מיר זיך אפגעלערנט ווי אזוי א איד דארף זיך אויפפירן און ווי אזוי נישט.

**עס האט** אריינשפאצירט ביי אונז אין חדר איינער מיט א האריגן מאנטל מיט חיות דערויף, פונקט ווי עשו. מיין רבי האט געלאזט יעדן איינעם דאס אליין אנטאפן.

פון די רויטע לינזן זופ ווייס איך גוט, עשו האט נאר געוואלט עסן פונעם גרויסן טאפ ארויס, מיר האבן דאס אליין געזעהן דעם גרויסן טאפ מיט אלע רויטע קליקע'ס טויס דערין, אָהָ אַהָ האט מען דאס אויסגעגאסן אויף דעם עשו אן א ברכה!!

**מיר האבן** אלע באקומען א קליינע קאפ (גלעזיל) ווי מיר האבן אליין געשניטן די רויטע ליקעריש (לינזן) אויף איינמאל קומט אריין רויטע דזשעלאו (לינזן זופ), מיין רבי גיסט דאס אריין אין אונזערע קאפ'ס, דאס איז געווען די פיינע דזשעלאו וואס מיר האבן אהיים געברענגט, אבער מיר ווייסן זייער גוט וועלכע ברכה צו מאכן און ווי אזוי א איד עסט מיט איידלקייט.

## ~ א בית המדרש ביי אונז אין חדר ~

מיין **רבי** האט אונז גאר שיין פארציילט אז יעקב זיצט און לערנט אין ביהמ"ד א גאנצע טאג און א גאנצע נאכט. האבן מיר דאס אויך געוואלט טוהן זיצן און לערנען אין א "ביהמ"ד". זענען מיר געווואר געווארן אז ביי אונז אויפן שטאק איז צוגעשטעלט גאר א שיין ביהמ"ד. דער רבי זאגט קומטס קינדער מען גייט אין שוהל לערנען. די קינדערגארטן'ס האבן געגומען די גמרות אין די הענט מען קומט אן צום שוהל (קלאס). עס איז דא שיין טישן מיט בענק אויסגעשטעלט מיר האבן זיך אראפ געזעצט און






געלערנט הויעך אויפן קול "**תנו רבנן**" איי איי איי איי מיטן גמרא ניגון אזוי זיס און געשמאק **אזוי ווי יעקב ווילן מיר זיכער זיין.**

## אויפגעשפילט די פרשה

**ווען מיר** זענען אנגעקומען צום עס זאל האבן מיר געזעהן אויפגעשטעלט א שטיבל א ביהמ"ד ווי יעקב אבינו (יחזקאל שרגא ווערצבערגער) זיצט און לערנט די הייליגע תורה, ער האט געלערנט צוזאמען מיט זיין טאטע יצחק אבינו (יצחק פריעדמאן) מיט א טלית זייער פלייסיג, דערנאך האט זיך יעקב (יחזקאל שרגא פאוועל) געשטעלט קאכן דעם רויטן לינזן זופ, פלוצלונג קומט אריין עשו (חיים יושע הירש) און שרייט איך בין הונגעריג, ער גייט אריין אין בעט און שרייט "**פונעם טאפ גיס אריין אין מיין מויל אריין**". די צווייטע שפיל איז געווען גאר אינטערעסאנט ווען יצחק אבינו (אברהם שטיינמעץ) האט געבעטן פון עשו ער זאל ברענגען צו עסן ווייל ער וויל אים בענטשן, אבער רבקה האט שנעל געהייסן יעקב זאל דאס אריינברענגען כדי יצחק זאל אים בענטשן, יעקב אבינו (הערשל שטיין) אנגעטון מיט די האריגע מאנטל האט אריינגעברענגט אזוי שיין די טאץ











מיט די עסן צו יצחק און יצחק זאגט אז ער וויל אים אנטאפן, פילט ער די האריגע מאנטל און מיינט אז ס'איז עשו האט ער אים טאקע געבענטשט. דערנאך קומט עשו צו לויפן (חיים אפרים איידליס) מיט זיין עסן און וויינט און שטויסט פארוואס יצחק וויל אים נישט בענטשן. אזוי זענען מיר צוריק ארויף אין די כיתות מיט א פרייליכע שטימונג ווי גוט מיר פארשטייען די סדרה אבער מיר ווייסן קלאר ווי אזוי א יעקב אבינו פירט זיך אויף מיט דרך ארץ איידל ווי א ערליכער איד.

## ~ מידה פון די וואך – דרך ארץ ~

**מיר ווייסן** שוין זייער גוט ווי אזוי א איד דארף צו עסן איידל און באשיידן. מיין רבי האט זייער שיין מסביר געווען אז מען לייגט נישט אריין די הענט אין קיין עסן, מען דארף צו עסן איידל פון א טעלער מיט א לעפל א.א.וו. מיר אליין (די קינדערגארטן און פרי ק"ג) האבן איינגעפאקט דעם "**דרך ארץ סעט**" א נעפקין, א לעפל, און א גאפל, כדי צו זיין גרייט ווען מיר וועלן עסן. אויך ווייסן מיר שוין זיך אפ צו זויבערן נאכן עסן.

## ~ מיר גייען אויף א טריפ אין שוהל אריין ~

**ק"ג:** דעם דאנערשטאג זענען מיר געפארן צום ביהמ"ד ברך משה אויף סקילמאן סט. צו ביהמ"ד שם ועבר מיר האבן מיטגענומען אונזערע גמ' ווייל מיר זענען אזוי ווי יעקב אבינו מיר זענען אנגעקומען אהין האט אונז אפגעווארט דער געטרייער משמש ר' **דוד ווערטהיימער שליט"א** ווי ער האט אונז אזוי שיין אויפגענומען און צוגעשטעלט דאס פלאץ. מיר האבן הויעך פלייסיג געלערנט דערנאך געוואונטשען אסאך הצלחה, מיר געדענקען נאך זייער גוט רבי ווערטהיימער מיר וואונטשן אים ער זאל מצליח זיין און האבן א חלק דאוונען און לערנען פון אידישע קינדער. עס איז געווען גאר שיין צו זעהן און הערן ווי די קינדער לערנען אזוי פלייסיג אין שוהל.

## א מעמד מיט א דערהויבנקייט

קינדערגארטן: א פריילעכע שטימונג א גאנצע וואך, די שמחה איז געוואלדיג, א יעדן טאג רעדט מיין רבי צו אונז ווי גרויס מיר זענען שוין אז מיר פאנגען שוין אן יעצט צו לערנען די א'ב' די הייליגע אותיות התורה, ווי גליקליך זענען מיר. א ספּעציעלע





ביכל לכבוד דאס אנהייבן די א'ב', האבן מיר געקאלערט, געשניטן, אזוי שיין מיט דעם אות א' עס איז ממש א יו"ט אין חדר. דעם מיטוואך ווען מיר האבן אנגעטוהן דעם **"אל"ף קרוין"** האבן מיר געזינגען **"נעשה ונשמע"** מיין רבי האט אונז שיין פארציילט אז מיט די הייליגע א'ב' לערנט מען חומש, רש"י, גמרא, און מען דאווענט אין סידור. אזוי וועלן מיר קענען אויסוואקסן ערליכע אידן תלמידי חכמים. נאך לאנטש זענען מיר שיין אריין צו א אנדערע עס זאל ווי עס איז געווען צוגעגרייט שיינע געדעקטע טישן פאר אלע קינדער א **קאפ קעיק מיט א דרינק** מען האט שיין געזינגען עס האט זיך געפילט זייער דערהויבן זיצענדיג מיט די ווייסע העמדער אנגעטוהן מיט די קרוינען, אזוי שיין אזוי לעכטיג מיר האבן געבעטן דעם באשעפער אז מיר זאלן קענען לערנען און דאווענען און מורא האבן פון דעם אויבערשטן אזוי ווי עס פאסט זיך פאר וואוילע ערליכע אידישע קינדער און געזינגען א איד צו זיין איז טייער.. לאמיר אלע טאקע זיין א ערליכער איד.

## ~ חכמה'לעך ~

ווען מען האט געפרעגט **לייבי** ווי לאנג האט געברענט די לעכט ביי שרה'ס געצעלט? האט ער געזאגט: **נאר אביסל ווייל די רבי האט עס אויסגעלאשן...**

ווען **יואלי'ס** מאמע האט אים כסדר מסביר געווען אז מען פרעגט נישט פון א מאמע "פארוואס" ווייל אזוי האט די מאמע געהייסן און מען פרעגט נישט קיין קשיות עס איז נישט קיין דרך ארץ! האט יואלי געפרעגט **אבער פארוואס?...**

**שמואל נטע האט געזאגט אז מען גייט נישט היינט אין חדר ווייל עס איז א יו"ט מען האט אנגעהויבן צו לערנען א'ב'... אויך דארף ער שבת'דיגע שיך**

ווען **שמעי'לעס** שוועסטער האט אים נישט געוואלט געבן א קענדי איז ער געגאנגען וויינען פאר זיין מאמע **אז זי וויל נישט טוהן קיין חסד...**

ווען **משה'לעס** שוועסטער האט אים געבעטן אביסל פון זיין **שבת פארטי פעקל** האט ער געזאגט **איך געב דיך אסאך נישט נאר איינס...** אזוי ווי רבקה

**ישראלי** וויל נישט אנטון א **ווייסע שלאף קאפל** ביינאכט ווייל די יונגלעך ביי די השכמת הבוקר ביכל האבן אן **א שווארצע קאפל...**

ווען די מאמע האט געפרעגט **משי** פארוואס ער פאטשקעט מיט די וואסער ביים סינק האט ער געזאגט: **איך מאך א נס אזוי ווי ביי רבקה ס'זאל ארויף קומען די וואסער...**

ווען **מאיר יענק'לעס** שוועסטער האט אהיים געברענגט אברהם אבינו'ס געצעלט מיט א וואלקן, לעכט מיט 2 חלות **האט ער אראפגענומען איין חלה** טענה'נדיג **אז עס איז געווען נאר איין חלה..** אין זיין חדר'ס געצעהלט

ווען **מענדל'עס** מאמע האט אים געזאגט אז זי גייט זיי געבן **"מארבל קעיק"** האט ער געפרעגט "מבול"? **אזוי ווי ביי די תיבה...**

ווען **חיים** האט געזאגט פאר הערשי אז ער גייט מער נישט זיין זיין **פרענד** האט אים הערשי גע'ענטפערט **וועל איך מיר זוכן א אנדערע פרענד...**

**וואלווי** האט געזאגט ביי די סעודה אז ער דארף שוין נישט באקומען קיין חלה **ווייל ער האט שוין באקומען פון רבקה...**

ווען **יענקי'ס** מאמע האט ארויס גענומען די חלה פון אויווען איז עס געווען זייער גרויס האט ער געזאגט ס'איז אזוי ווי ביי **שרה און רבקה ס'איז אזוי גרויס אויסגעקומען...**

## מזל טוב ווינטשעך

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יעקב ב"ר יואל מאסרי נ"י**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יצחק אהרן ב"ר אליעזר זוסיא פליישמאן נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי בנימין כהן שליט"א ר' יואל שמאיע שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יעקב ב"ר שלמה יוסף מאלח נ"י**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם ג'ברא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**משה יודא ב"ר יואל הירש נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שמשון פאגעל שליט"א ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יחזקאל ב"ר יואל וויינשטיין נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שמשון פאגעל שליט"א ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אלי' ב"ר יואל גאלדענבערג נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' מאיר פאגעל שליט"א ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**יעקב ב"ר אלחנן חיים צבי מיטטעלמאן נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**נפתלי הירצקא ב"ר יואל שימאן נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי בנימין כהן שליט"א ר' יואל שמאיע שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים ישעי' אשר ב"ר בנימין זאב שטיין נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' מאיר פאגעל שליט"א ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אברהם יצחק ב"ר יעקב מארקאוויטש נ"י**
לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל געלבמאן שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים ב"ר שלמה יעקב מערץ נ"י**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אשר אנטשיל ב"ר יוסף שאול ליכטענשטיין נ"י**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א